בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# רֵיינֶע אוֹיגְן

דֶער קוּנְטְרֵס אִיז מְעוֹרֵר אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם, אַז אַ אִיד זָאל זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, מִיט עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין דֶערְצוּ.

אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס "טְהוֹר עֵינַיִם" פוּן הָרַב הַגָּאוֹן הַצַדִיק, עַמוּד הָאֱמוּנָה, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָא"ש זי"ע

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָדוֹשׁ

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - ווִילְיַאמְסְבּוּרְג

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**באראפארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754

**718.387.2691**

www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

# רֵיינֶע אוֹיגְן

## א.

דֶער אוֹיג אִיז פוּן דִי הַאקְלֶסְטֶע גְלִידֶער פוּנֶעם מֶענְטְש, עֶס פַארְלַאנְגְט זִיךְ בְּלוֹיז אַ קְלֵיין שְׁטִיקְל שְׁטוֹיב אָדֶער שְׁמוּץ וָואס זָאל זִיךְ דָארְט אַרַיינְכַאפְּן, אוּן שׁוֹין וֶועט עֶס אָנְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים. דָאס אִיז מִיט דִי גַשְׁמִיוּת פוּנֶעם אוֹיג, אָבֶער דָאס וַוייזְט אוּנְז אוֹיךְ אַז דִי זֶעלְבֶּע - אוּן נָאךְ פִיל מֶער - אִיז דֶער אוֹיג זֵייעֶר הַאקְל בְּרוּחְנִיוּת; בְּלוֹיז אֵיין קְלֵיינֶע רְאִיָה אֲסוּרָה, בְּלוֹיז אֵיין קוּק אוֹיף אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע זַאכְן, קֶען

שׁוֹין בְּרֶענְגֶען גָאר גְרוֹיסֶע און שְׁוֶוערֶע וֶוייטָאגְן פַאר די נְשָׁמָה.

חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא נָשֹׂא ג') "בְּשָׁעָה שֶׁבָּרָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת הָעוֹלָם, נִתְאַוָּה שֶׁיִּהְיֶה לוֹ דִירָה בַּתַּחְתּוֹנִים", וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן די וֶועלְט, הָאט עֶר דַוְקָא גֶעוָואלְט וואוֹינֶען דָא אוֹיף די נִידְרִיגֶע וֶועלְט. דָאס מֵיינְט אַז די עִיקָר הַנָאָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז וֶוען מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע לֶעבְּן אִין אַזַא נִידְרִיגֶע וֶועלְט, וואוּ אוֹיבְן אוֹיף קֶען מֶען גָארְנִישְׁט זֶען דָא אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט די גַאנְצֶע וֶועלְט, דַוְקָא אוֹיף אַזַא פְּלַאץ זָאלְן די מֶענְטְשְׁן זֶען און אָנֶערְקֶענֶען אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, און אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

די הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה פוּן יֶעדְן אִיד אִיז אַ "חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל", די נְשָׁמָה אִיז אַ חֵלֶק פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אַרָאפּ די נְשָׁמָה אַרַיין אִין אַ קֶערְפֶּער וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אוּנְזֶער וֶועלְטְל, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט זִיךְ צוּ אוּן עֶר גְלוּסְט צוּ זֶען ווִי די נְשָׁמָה וֶועט נִישְׁט וֶוערְן פַארְפִירְט פוּן די שְׁלֶעכְטֶע גְלוּסְטֶענִישְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר די נְשָׁמָה וֶועט אַרְבֶּעטְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן אוֹיסֶער אִים.

די גְמָרָא זָאגְט (סַנְהֶדְרִין מ"ה.) "אֵין יֵצֶר הָרַע שׁוֹלֵט אֶלָא בַּמֶה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת", דֶער יֵצֶר הָרַע קֶען נָאר אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, נָאכְדֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט. דֶער עִיקָר כֹּחַ וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אִיבֶּער אַ מֶענְטְשׁ,

אים אַװעקצושלעפּן פון דעם ציל פּאַרװאָס ער איז באַשאַפן געװאָרן נאָר צו זען און צו שפּירן דעם אײבערשטן, איז נאָר דורך דעם װאָס ער איז מכשיל דעם מענטש צו קוקן אויף שלעכטע זאַכן.

און דעריבער זעט מען אין די הײנטיגע דורות אַז דער יצר הרע האָט אַרײַנגעברענגט אַזױפיל שמוץ אויף דער װעלט, סײ אויפן גאַס זעט מען לײדער אַזױפיל שמוץ, די גוים גײען אָנגעטון, אָדער בעסער געזאָגט אויסגעטון, ממש װי די חיות. װאו מען דרײט זיך טרעפט מען זיך אָן מיט גאָר פּריצות'דיגע און אויסגעלאַסענע פּרויען. און סײ מיט אַנדערע װעגן װאָס דער יצר הרע האָט אַרײַנגעברענגט דורך די נײַע טעכנאָלאָגישע כלים, אַז מען דאַרף אפילו נישט גײן אויפן גאַס, נאָר סײ װאו אימער קען מען לײדער זען די ערגסטע סאָרט שמוץ, די נידריגסטע סאָרט בילדער

און ווידיאָס, און דֶער עִיקָר צִיל וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע ווִיל מִיט דֶעם, אִיז נָאר אַוֶועקצושְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## ב

דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה י״א, ט׳) ״וּמָלְאָה הָאָרֶץ דֵעָה אֶת ה׳, כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים״, וֶוען מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט קוּמֶען וֶועט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶוערְן פוּל מִיט אֱמוּנָה, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶועט אַלֵיין ווִיסְן און זֶען אַז עֶס גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן רמ״ב) אַז דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אִין דִי קַבָּלָה שְׁפְּרַאךְ ״אֲרִיךְ אַנְפִּין דִקְדוּשָׁה״, דָאס מֵיינְט אַז וואוּ אַ מֶענְטְשְׁן זָאל זִיךְ נָאר דְרֵייעֶן, וואוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר קוּקְן, זֶעט עֶר אִיבֶּערָאל נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר זֶעט אוֹיף דֶער וֶועלְט, מַאכְט אִים טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן דִי זַאךְ, און עֶר גֶעבְּט עֶס לֶעבְּן.

עֶס אַרְבֶּעט אָבֶּער אַזוֹי, אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס אִיז דָא אִין דִי קְדוּשָׁה אִיז אוֹיךְ דָא אִין דִי טוּמְאָה. עֶס אִיז אוֹיךְ פַּארְהַאן אַן "אֲרִיךְ אַנְפִּין דִקְלִיפָּה", דָאס אִיז פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט ווִי דִי פְּרִיעֶרְדִיגֶע, דָאס מֵיינְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין שְׁמוּץ, אַז וואוּ עֶר גֵייט נָאר און וואוּ עֶר קוּקְט נָאר, זֶעט עֶר אִיבֶּעְרָאל נָאר שְׁמוּץ.

דָאס זֶעט מֶען מַמָשׁ הַיינְטִיגֶע צַייטְן, אַזוֹי ווִי מִיר הַאלְטְן שׁוֹין אַזוֹי נָאנְט צוּ דִי גְאוּלָה, וֶוען יֶעדֶער וֶועט נָאר זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערִיבֶּער אִיז הַיינְט דָא אַזוֹי שְׁטַארְק דָאס פַּארְקֶערְטֶע. עֶס אִיז לֵיידֶער אַזוֹי גְרִינְג הַיינְט צוּ זֶען אַזוֹיפִיל שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, דֶער יֵצֶר הָרַע שְׁטֶעלְט צוּ אַזַא גְרוֹיסֶע אוֹיסְוַואל פוּן שְׁמוּץ, יֶעדֶער

קֶען לַײדֶער אָנְקוּמֶען צוּ זֶען דִי עֶרְגְסְטֶע אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע פְּרוֹיעֶן, אַלֶע סָארְט גֶעמֵײנֶע נִידְרִיגֶע זַאכְן, אוּן עֶס אִיז לַײדֶער אַזוֹי גְרִינְג אַרַײנְצוּפַאלְן אִין דִי זַאכְן, אוּן אֵײנְמָאל אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַײן אִין דֶעם אִיז שׁוֹין זֵײעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן דֶערְפוּן.

אַ אִיד דַארְף אָבֶער שְׁטֶענְדִיג וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז עֶר אִיז קֵײנְמָאל נִישְׁט פַארְפַאלְן. עֶס אִיז אֵײבִּיג דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם. אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינְט פַאר לַאנְגֶע יָארְן צוּ קוּקְן אוֹיף פְּרוֹיעֶן אוּן שְׁמוּץ, עֶס זֶעט אִים אוֹיס וִוי עֶס אִים בִּכְלַל נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן דֶערְפוּן, דַארְף עֶר אָבֶער גֶעדֶענְקֶען אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר פָאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּן דִי הֵײלִיגֶע צַדִיקִים, וֶועט עֶר זִיכֶער קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן דֶערְפוּן, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַײן פוּן יֶעצְט אוּן וַוײטֶער צוּ זַײן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

## ג

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ע"ח) "אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלַל", עֶס אִיז נִישְׁט פַּארְהַאן אַזַא זַאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ דַארְפְן מְיַיאֵשׁ זַיין און אוֹיפְגֶעבְן. חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא כ"ח) "מְלַמֵד שֶׁהַשְּׁכִינָה בְּכָל מָקוֹם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל, און עֶר שְׁטֵייט אַלֶעמָאל גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ. נָאךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בַּמִּדְבָּר רַבָּה, פַּרְשָׁה ז׳, סִימָן ט׳) אַז דִי אִידְן זֶענֶען אַזוֹי בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אֲפִילוּ וֶוען זֵיי זֶענֶען טָמֵא, רוּהט אוֹיךְ דִי שְׁכִינָה צְוִוישְׁן זֵיי. פוּן דֶעם זֶעעֶן מִיר וִוי וַוייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף יֶעדְן אִיד, און עֶר וִויל אִים נָאר מְקָרֵב זַיין, און וַוארְט נָאר אַז דֶער אִיד זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, און דַאן וֶועט עֶר אִים אוֹיפְנֶעמֶען מִיט בְּרֵייטֶע אָרֶעמֶעס.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט זִיךְ אָן אוּן זֶעט אַז עֶר אִיז מַמָשׁ מְשׁוּגֶע אִינְגַאנְצְן, עֶר מוּז זִיךְ אוֹיסְדְרֵייעֶן צוּ קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרוֹי אוֹיפְ׳ן גַאס, עֶר לוֹיפְט אַרוּם וואוּ עֶר קֶען זֶען נָאךְ עֶפֶּעס שְׁמוּץ אוּן אוֹיסְגֶעלַאסְנְקַייט, עֶר פַארְבְּרֶענְגְט לַאנְגֶע נֶעכְט מִיטְ׳ן קוּקְן שְׁמוּצִיגֶע גֶעמֵיינֶע מַאגַאזִינֶען אוּן מָאוִויס וּכַדוֹמֶה, אוּן וִויפִיל עֶר קוּקְט אוּן קוּקְט וֶוערְט עֶר גָארְנִישְׁט זַאט דֶערְפוּן. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֶעבְּט זִיךְ אַמָאל אַ וֶועק אוֹיף אוּן קוּקְט זִיךְ גוּט אָן, וֶועט עֶר זִיךְ שֶׁעמֶען פוּן זִיךְ אַלֵיין וִוי מְשׁוּגֶע עֶר אִיז אַז עֶר לִיגְט אַזוֹי מִיטְ׳ן גַאנְצְן קָאפּ אִין שְׁמוּץ, אוּן עֶר פַארְדִינְט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן, עֶס בְּרֶענְט אִים נָאר אוֹיס דֶעם מֹחַ אוּן מַאכְט אִים מַמָשׁ קְרַאנְק. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ע״ב) אַז וֶוער עֶס הָאט נָאר אַבִּיסְל שֵׂכֶל, בַּיי אִים אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא דִי תַּאֲוָה פוּן שְׁמוּץ, אַ קְלָארֶער נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְפִירְן אֲפִילוּ וֶוען עֶס וֶועט אִים

אוּנְטֶערְקוּמֶען אַ גוּטֶע גֶעלֶעגְנְהַייט צוּ טוּן שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת, וַוייל עֶר שְׁפִּירְט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַרַיין אִין דֶעם אוּן שְׁפִּירְט ווִי מְשׁוּגֶע עֶר אִיז, דַארְף עֶר גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף אִים, אוּן עֶר זָאל זֶען צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל זִיךְ גוּט אוֹיסְרֶעדְן אוּן אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. כָאטְשׁ וָואס פַאר מֶענְטְשְׁן טָאר מֶען נִישְׁט דֶערְצֵיילְן דִי עֲבֵירוֹת וָואס מֶען טוּט, אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען דַוְקָא יָא דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי אַלֶע זַאכְן אִין וָואס מֶען אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן מִיט אַלֶע דֶעטַאלְן אַרוּם. אֲפִילוּ וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן אִיבֶּער דֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן מֶען הַאלְט אִין אֵיין אַרַיינְפַאלְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אִין דִי שְׁמוּצִיגֶע

עֲבֵירוֹת, זָאל מֶען אָבֶער נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם, עֶר וֶועט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדְן טָאג וֶועט עֶר דֶערְצֵיילְן פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן אַלֶע זַיינֶע דוּרְכְפֶּעלֶער, אֲפִילוּ אוֹיב אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט אִים אוֹיסְזֶען וִוי דָאס טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף, עֶר הַאלְט נָאכְאַלְץ אִין אֵיין וַוייטֶער דוּרְכְפַאלְן, וֶועט עֶר אָבֶער זֶען אַז סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר עֶס דוּרְכְבְּרֶעכְן, אוּן דִי אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְן זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען אוּן אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי שְׁמוּץ אִין וָואס עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן.

חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב, תְּהִלִּים קי"ט) "וַיִּשְׁאֲבוּ מַיִם, וְאֵיזֶה מַיִם הָיוּ שׁוֹאֲבִים וְשׁוֹפְכִים? אֶלָּא שֶׁעָשׂוּ תְּשׁוּבָה,

וְשָׁפְכוּ לִבָּם כַּמַּיִם לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה״, דֶער עִיקָר וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע עֲבֵירוֹת אִין וָואס מֶען אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן, אוּן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן דֶערְפוּן. אוּן דִי חֲזַ״ל זָאגְן דָארְט (שָׁם תְּהִלִים ל״ב) אַז וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ דֶעם, זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים מוֹחֵל זַיין.

## ד

דָאס קוּקְן אוֹיף פְרוֹיעֶן אוּן אוֹיף שְׁמוּץ אִיז גָאר אַ הַארְבֶּע זַאךְ. חֲזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת ק״ד:) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט נָאר אֲפִילוּ אוֹיף דִי קְלֵיינֶע פִינְגֶער פוּן אַ פְרוֹי,

אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי עֶרְגְסְטֶע פְלֶעצֶער. אֲפִילוּ נָאר אַ קְלֵיינֶע קוּק, אִיז זֵייעֶר הַארְבּ. נָאךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (נְדָרִים כ.) אַז וֶוער עֶס קוּקְט אוֹיף פְרוֹיעֶן וֶועט צוּקוּמֶען צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן נִישְׁט גוּטֶע קִינְדֶער. וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף פְרוֹיעֶן אוּן אוֹיף שְׁמוּץ, אִיז דָאס נָאךְ עֶרְגֶער פוּן דִי עֲבֵירָה אַלֵיין (יוֹמָא ע"ד:). עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי דִי אוֹיגְן, אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן נָאכְדֶעם גְלוּסְט זַיין הַארְץ צוּ דִי זַאכְן, אוּן נָאכְדֶעם קוּמְט עֶר צוּ צוּ טוּן עֲבֵירוֹת (טוּר אוֹרַח חַיִים סִימָן א'). נָאכ'ן קוּקְן שְׁמוּץ בְּרֶענְגְט דָאס אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל מוֹצִיא זַיין זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, וָואס דָאס אִיז גָאר אַ הַארְבֶּע עֲבֵירָה, דָאס אִיז מַמָשׁ וִוי אַ מֶענְטְשׁ הַרְגְ'ט זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, אוּן נָאכְדֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט בַּאגְלֵייטְן אִים דִי אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט

גֶעטוּן, אוּן דָאס אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶע בּוּשָׁה פַאר׳ן מֶענְטְשׁ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קמ״א).

וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט, קֶען עֶר אָבֶּער נָאךְ אַלֶעס פַארֶעכְטְן. חֲזַ״ל זָאגְן (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ רַבָּה, פֶּרֶק ד׳): ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ טוּט עֶר תְּשׁוּבָה וֶועל אִיךְ רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, אִיךְ וֶועל אָנְנֶעמֶען זַיין תְּשׁוּבָה, אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט גֶעדֶענְקֶען אֲפִילוּ נִישְׁט אַ קְלֵיינֶע טֵייל פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת״.

דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אָבֶּער אוֹיפְוֶועקְן אוּן אָנְהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם תַּכְלִית, עֶר דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען בְּלַייבְּט נִישְׁט אֵייבִּיג אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַמָאל אַ צַייט וָואס מֶען וֶועט דַארְפְן אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן. אוּן דֶערִיבֶּער מוּז אַ מֶענְטְשׁ גֵיין צוּ אַ צַדִיק, מֶען

מוּז טְרֶעפְן אַ צַדִיק אוּן אוֹיסְהֶערְן וָואס עֶר זָאגְט, וַוייל דֶער צַדִיק אִיז דֶער וָואס וֶועקְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלָאף, דֶער צַדִיק וֶועקְט אוּן מָאנְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט פַארְשְׁלָאפְן זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט נַארִישְׁקַייטְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס׳). דֶער צַדִיק הָאט אַ כֹּחַ צוּ נֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין גֶעפַאלְן גָאר טִיף, אוּן אִים אוֹיפְוֶועקְן אוּן אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶערִיבֶּער דַארְף אַ מֶענְטְשׁ רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אוּן אוֹיבּ זֶעט עֶר אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, עֶר קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי זוּמְפִּיגֶע שְׁמוּץ אִין וָואס עֶר לִיגְט, עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ קוּקְן נָאךְ אוּן נָאךְ שְׁמוּץ; דַארְף עֶר אָנְהוֹיבְּן זוּכְן אַ צַדִיק וָואס זָאל אִים הֶעלְפְן אִין לֶעבְּן.

עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ טְרֶעפְן אַן אֱמֶת'עֶר צַדִיק וָואס קֶען טַאקֶע הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם אַז מֶען זָאל אָנְקוּמֶען צוּם רִיכְטִיגְן צַדִיק (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח). סְפֶּעצִיעֶל נָאכְדֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר הָאט מוֹצִיא גֶעוֶוען זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, פַאר אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז נָאךְ שְׁוֶוערֶער אָנְצוּקוּמֶען צוּם צַדִיק, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ה') אַז דָאס אִיז דֶער נִסָיוֹן פוּן אַזַא מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט, קוּמְט זִיךְ אִים נִישְׁט אַז עֶר זָאל אַזוֹי גְרִינְג אָנְקוּמֶען צוּ אַ צַדִיק וָואס קֶען אִים הֶעלְפְן אוּן אוֹיפְשַׁיינֶען זַיין לֶעבְן, אוּן דֶערִיבֶּער שְׁטֶעלְט מֶען אִים אוּנְטֶער אַזַא נִסָיוֹן אַז עֶר זָאל הֶערְן וִוי מֶען רֶעדְט שְׁלֶעכְטְס דַוְקָא אוֹיף דֶעם צַדִיק וָואס קֶען אִים הֶעלְפְן. אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ אַהֶער וִוי רֶבִּי"ס,

מֶען קֶען מֵיינֶען אַז זֵיי זֶענֶען גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אִין דִי צַייט וָואס בֶּאֱמֶת קֶענֶען זֵיי זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט הֶעלְפְּן אוּן זִיכֶער קֶענֶען זֵיי נִישְׁט הֶעלְפְּן אַ צְוֵוייטְן.

וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אָבֶער דֶעם סוֹד אַז דָאס אִיז נָאר זַיין נִסָיוֹן, וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, עֶר וֶועט נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ קֵיינֶעם וָואס רֶעדְט אִים אָפּ, נָאר עֶר וֶועט אוֹיפְזוּכְן אוּן גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס קֶען אִים טַאקֶע הֶעלְפְן, אוּן קֶען אִים אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, עֶר קֶען אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס, אוּן אִים דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן אִין אוּמַאן, אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט, אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען צְוֵויי עֵדִים אוֹיף דֶעם, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין קֵבֶר, עֶר וֶועט גֶעבְּן אַ

פְּרוּטָה פַאר צְדָקָה לִזְכוּתוֹ, און עֶר וֶועט דָארְט זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים פוּן "תִּיקוּן הַכְּלָלִי" [ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ], אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין גֶעטוּן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, וֶועט אִים דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נָאר אַבִּיסְל שֵׂכֶל, עֶר וֵוייסְט וִויפִיל עֶר אִיז שׁוֹין נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין קוּקְן אַזוֹיפִיל שְׁמוּץ, וָואס דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ טוּן נָאךְ הַארְבֶּע שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת, וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זִיכֶער זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ פָארְן כָאטְשׁ אֵיינְמָאל צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִין אוּמַאן, און דָארְט וֶועט עֶר זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גַאנְצֶער תִּיקוּן.

## ה

דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע און גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן, אִיז נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה.

אַ אִיד וָואס לֶעבְּט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז עֶס פַּאסִירְט גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אַ גְלִיקְלִיכֶער אוּן פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ. אוּן פַּארְקֶערְט, ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ מֶער וֶוערְט אִים פַארְבִּיטֶערְט זַיין לֶעבְן, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין שׁוּם חִיוּת אוּן סִפּוּק אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דִי נַאטוּר פוּן דִי עֲבֵירוֹת אִיז אַז דָאס נֶעמְט אַוֶועק אַ מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין קוּקְן אוֹיף פְּרוּיעֶן, אוּן קוּקְן שְׁמוּץ, אַלְץ מֶער נֶעמְט דָאס אִים אַוֶועק דִי אֱמוּנָה, דָאס רַייסְט אִים אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז נִישְׁט קַיין וואוּנְדֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַזוֹי דֶערְבִּיטֶערְט דֶערְפוּן. אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט גָארְנִישְׁט אַז זַיין גַאנְצֶע בִּיטֶערְקֵייט אוּן דֶערְשְׁלָאגְנְקֵייט, דָאס וָואס עֶר

הָאט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין זַיין לֶעבְּן, דָאס אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּן דִי עֲבֵירוֹת וָואס נֶעמֶען אִים אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ל"א) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (תְּהִלִּים פ"ט, כ"ט) "וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ", אַז תִּיקוּן הַבְּרִית אוּן תִּיקוּן הָאֱמוּנָה גֵייעֶן צוּזַאמֶען. דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין דִי שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית, נֶעמְט דָאס אִים אַוֶועק דִי אֱמוּנָה. חֲזַ"ל זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה, פַּרְשָׁה ט׳, סִימָן א׳) "הַנּוֹאֵף הַזֶּה מְרַשֵּׁל כֹּחַ הַשְּׁכִינָה", דִי עֲבֵירוֹת פוּן נִאוּף אוּן שְׁמוּץ, שְׁטוּפְּט אַוֶועק דִי שְׁכִינָה. אוּן פַארְקֶערְט זָאגְן אוֹיךְ דִי חֲזַ"ל (וַיִּקְרָא רַבָּה, פַּרְשָׁה כ"ג, סִימָן י"ד) אַז וֶוען עֶס קוּמְט אוּנְטֶער פַאר אַ מֶענְטְשׁ צוּ זֶען שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ צוּרִיק פוּן קוּקְן, אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין פְּנֵי הַשְּׁכִינָה".

דִי גְמָרָא זָאגְט (סוֹטָה ג:) "בַּתְּחִלָּה קוֹדֶם שֶׁחָטְאוּ יִשְׂרָאֵל הָיְתָה שְׁכִינָה שׁוֹרָה עַל כָּל אֶחָד וְאֶחָד, כֵּיוָן שֶׁחָטְאוּ נִסְתַּלְּקָה שְׁכִינָה מֵהֶם", נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט, אִיז דִי שְׁכִינָה אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן זֵיי. ס'אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא עֲבֵירָה וָואס נֶעמְט אַזוֹי שְׁטַארְק אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דָאס קוּקְן שְׁמוּץ. אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (חֲגִיגָה ט"ז.) "כָּל הָעוֹבֵר עֲבֵירָה בְּסֵתֶר, כְּאִלּוּ דוֹחֵק רַגְלֵי הַשְּׁכִינָה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַן עֲבֵירָה בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, אִיז דָאס אַזוֹי וִוי עֶר שְׁטוּפְּט אַוֶועק דִי שְׁכִינָה פוּן זִיךְ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְט זִיךְ אוּן קוּקְט זִיךְ אָן מִיט אַלֶע סָארְט גֶעמֵיינֶע עֶקְלְדִיגֶע אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע שְׁמוּץ, טְרַייבְּט עֶר אַוֶועק דִי שְׁכִינָה פוּן זִיךְ.

דִי צְוֵויי זַאכְן זֶענֶען גֶעקְנִיפְּט אוּן גֶעבִּינְדֶען, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט אִין דִי בִּיטֶערֶע שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת, נֶעמְט

דָאס אַוֶועק זַיין אֱמוּנָה אוּן עֶר וֶוערְט אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ; אוּן פַּארְקֶערְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט קוּקְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים אַ פְּרֵיילִיכֶע גוּטֶע לֶעבְּן פוּל מִיט סִפּוּק אוּן גֶעשְׁמַאק.

אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף אַ אִיד זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן "רֵיינֶע אוֹיגְן", עֶר זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט קוּקְן אוֹיף שְׁלֶעכְטְס. אוּן אוֹיךְ דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ טְרֶעפְן דֶעם רִיכְטִיגְן אֱמֶת'ן צַדִיק וָואס וֶועט אַרוֹיסְהֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

## ו

נָאךְ אַן עֵצָה הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן, צוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ. וַוייל וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אָפְּהִיטְן פוּן פְּגַם הַבְּרִית (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"ט).

חֲזַ"ל זָאגְן (בַּמִדְבָּר רַבָּה, פַּרְשָׁה י', סִימָן ו') "פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבֶּעטְן פוּן דִי אִידְן אַז זֵיי זָאל אִים גֶעבְּן דִי אוֹיגְן מִיט דִי הַארְץ? וַוייל אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין דִי צְוֵויי, דִי אוֹיגְן זֶעעֶן דִי עֲבֵירוֹת, אוּן דֶערְנָאךְ טְרַאכְט דִי הַארְץ דֶערְפוּן". דֶער רֶבִּי זָאגְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ח) אוֹיף דֶעם וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט (יוֹמָא ס"ט:) אַז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן גֶעכַאפְּט דֶעם יֵצֶר הָרַע פוּן דִי שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים בְּלִינְד גֶעמַאכְט דִי אוֹיגְן. זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער רֶבִּי אַז פוּן דֶעם נֶעמְט זִיךְ וָואס

מֶען זֶעט אַז עֶס זֶענֶען דָא אֲפִילוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס בֵּייגְן זִיךְ אַרָאפּ דִי אוֹיגְן אוּן ווִילְן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף פְרוֹיעֶן, אָבֶער דֶערְנָאךְ גֶעבְן זֵיי אַ גַנְבְ׳עֶ אַרוֹיס פוּן דִי זַייט, אוּן גֶעבְן אַ זַייטִיגֶע בְּלִיק. דָאס מֵיינְט אַז כָאטְשׁ וָואס מֶען הָאט טַאקֶע בְּלִינְד גֶעמַאכְט דֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן דֶערִיבֶּער פְּרוּבִּירְט מֶען זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן פוּן קוּקְן, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט מֶען אָבֶער נִישְׁט גֶע׳הַרְגְ׳ט אִינְגַאנְצְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן דֶערִיבֶּער גֶעבְן זֵיי אַ זַייטִיגֶע בְּלִיק.

זֶעעֶן מִיר פוּן דֶעם וִוי וַוייט דֶער יֵצֶר הָרַע פַארְלֵייגְט זִיךְ אֲפִילוּ אוֹיף עֶרְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן דוּרְכְפַאלְן אוּן אַבִּיסְל קוּקְן אוֹיף וָואס מֶען טָאר נִישְׁט. דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶועעֶרע אוּן בִּיטֶערֶע יֵצֶר הָרַע, אוּן עֶס אִיז שְׁוֶוער זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן אִים. וֶוען מֶען הָאט אָבֶער שֵׂכֶל אוּן מֶען פָאלְגְט דִי עֵצוֹת פוּן דִי צַדִיקִים,

קֶען מֶען יָא זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן גוּטְמוּטִיג, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין וֶועט אָפְּהִיטְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן וִוי קֶען נָאךְ זַיין אַ בֶּעסֶערֶע שְׁמִירָה פוּן דֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ.

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג אוּן צֶעבְּרָאכְן, וָואס קֶען אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן? דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה!

חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִקְרָא רַבָּה, פַּרְשָׁה ל׳, סִימָן ב׳) "שׂוֹבַע שְׂמָחוֹת, שַׂבְּעֵנוּ בַּחֲמִשָּׁה שְׂמָחוֹת: מִקְרָא, מִשְׁנָה, תַּלְמוּד, תּוֹסֶפְתָּא וְאַגָּדוֹת", דִי תּוֹרָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַ מֶענְטְשׁ. וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע

תּוֹרָה, בְּרֶענגְט דָאס אַרַיין אִין אִים אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה און צוּפְרִידְנַקייט, און דָאס וֶועט אויטָאמַאטִישׁ אַרוֹיסְטְרַייבְּן פון אִים אַלֶע סָארְט שְׁלֶעכְטֶס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַז דִי תּוֹרָה אִיז אַזוֹי וִוי אַ שְׁטֶעקְן, און דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּטְרַייבְּן דֶעם יֵצֶר הָרַע פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת אִיז עֶר מַמָּשׁ מְשׁוּגֶע, אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג.) "אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת", און דִי וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן מִיט אַ מְשׁוּגֶעְנֶעם, אִיז נָאר מִיט אַ שְׁטֶעקְן. און דָאס אִיז סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט אִין דִי סָארְט עֲבֵירוֹת פון קוּקְן שְׁמוּץ, אִיז עֶר מַמָּשׁ מְשׁוּגֶע פון דֶעם, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן פון זִיךְ אוֹיסְדְרֵייעֶן און קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע פְרוֹי אוֹיפְ'ן גַאס, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּרַייסְן פון זַיין טֶעלֶעפָאן

אָדֶער קָאמְפְּיוּטֶער מִיט וָואס עֶר זִיצְט אוּן קוּקְט שְׁמוּץ פַּאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת; אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף אַ מֶענְטְשׁ נֶעמֶען דִי שְׁטֶעקֶן פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן מִיט דֶעם אַרוֹיסְטְרַייבְּן דֶעם מְשׁוּגֶענֶעם וָואס הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעזֶעצְט אִין זַיין מֹחַ.

כָאטְשׁ וָואס פוּן אָנְפַאנְג וֶועט זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אַזָא מֶענְטְשׁ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, וַוייל דִי אַלֶע שְׁמוּץ וָואס עֶר הָאט גֶעקוּקְט הָאבְּן אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט זַיין מֹחַ אַזוֹי וַוייט אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט אוּן עֶר גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט. דַארְף אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען כָאטְשׁ צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז מֶען אִיז מְקַיֵים דִי מִצְוָה פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ וֶוען מֶען זָאגְט נָאר דִי וֶוערְטֶער אוּן מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט

וָואס מֶען זָאגְט. אוּן אֲפִילוּ מֶען גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, זָאגְן דִי חֲזַ"ל (קֹהֶלֶת רַבָּה, פַּרְשָׁה א', סִימָן ל"ד) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט סְפֶּעצִיעֶל אַזוֹי גֶעמַאכְט אַז מֶען זָאל פַּארְגֶעסְן דָאס לֶערְנֶען, וַוייל אוֹיב נִישְׁט וָואלְט אַ מֶענְטְשׁ אָפְּגֶעלֶערְנְט דִי תּוֹרָה אִין צְוֵויי דְרֵיי יָאר, אוּן דֶערְנָאךְ וָואלְט עֶר אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי תּוֹרָה חַס וְשָׁלוֹם; אַזוֹי וִוי אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ פַּארְגֶעסְט, וֶועט עֶר אֵייבִּיג מוּזְן וַוייטֶער לֶערְנֶען תּוֹרָה.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, צוּ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה, אוּן דָאס וֶועט אַרוֹיסְטְרַייבְּן דֶעם יֵצֶר הָרַע פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַז עֶר זָאל מֶער נִישְׁט אַזוֹי גְלוּסְטְן צוּ קוּקְן שְׁמוּץ.

חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פֶּרֶק ד', הֲלָכָה ח') "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִלּוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט זִיךְ פָּאר צוּ

לֶערְנֶען תּוֹרָה, רֶעכְנְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי וְוי עֶר וָואלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט. אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת וֶוערְן אָפְּגֶעוִוישְׁט מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

לָאמִיר זִיךְ פָּארְנֶעמֶען פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער צוּ הָאבְּן נָאר "רֵיינֶע אוֹיגְן", לָאמִיר פְּרוּבִּירְן צוּ פָאלְגְן דִי עֵצוֹת וָואס מִיר הָאבְּן גֶעלֵיינְט אִין דֶעם קוּנְטְרֵס, דָאס וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע תַּאֲוָה פוּן קוּקְן שְׁמוּץ, דָאס וֶועט אוּנְז אוֹיסְוַואשְׁן אוּן אוֹיסְלַייטֶערְן אוּנְזֶער נְשָׁמָה, אוּן דָאס וֶועט אוּנְז דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דַאן וֶועלְן מִיר זִיכֶער הָאבְּן אַ גוּטֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן, עֶס וֶועט אוּנְז אַלֶעמָאל זַיין גוּט, סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

יואל מאיר בן מרים קיילא נ"י
וזוגתו
שיינדל רחל בת נעכא תחי'

ובניהם

דבורה, מינדל.

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברך מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.